לעי"נ הגה"ח ר' שמחה בונים ב"ר אליעזר ז"ל

# פְּנִינֵי קֹדֶשׁ

לאור תורתו של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

אידיש

בס"ד, שנה ג', גליון קמה
פרשת פנחס, תשפ"ד לפ"ק

יוצא לאור על ידי מערכת "מסילות באור החסידות"
שע"י מכון אור הצפון דחסידי בעלזא

## א ווארט אויף די פרשה

### פינחס האט באקומען שכר ווייל ער האט געטון א מצוה מיט די אייגענע כוחות

**פִּינְחָס בֶּן אֶלְעָזָר בֶּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן הֵשִׁיב אֶת חֲמָתִי מֵעַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּקַנְאוֹ אֶת קִנְאָתִי בְּתוֹכָם וגו', לָכֵן אֱמֹר הִנְנִי נֹתֵן לוֹ אֶת בְּרִיתִי שָׁלוֹם** (כה, יא).

זאגט דער **מדרש** (במ"ר כא, א): **"אמר הקב"ה בדין הוא שיטול שכרו"** - עס קומט זיך איהם שכר. - פרעגן די **מפרשים**, מיר ווייסן דאך אז אויף דִי וועלט באקומט מען נישט קיין שכר אויף די מצוות (קידושין לט, א), נאר אויף יענע וועלט, אויב אזוי פארוואס האט פינחס יא באקומען שכר אויף די וועלט?

מען קען דאס פארענטפערן מיט די באקאנטע ווארט פון דער הייליגע **מיטעלע רב זי"ע** אויפ'ן פסוק 'בקנאו את קנאתי', אז די **גמרא** זאגט (ברכות ז, א) אז דער אייבישטער רעגט זיך כביכול יעדן טאג איין רגע, און בלעם הרשע האט געוואוסט ווען דאס איז און ער האט דעמאלטס געוואלט שעלטן די אידן, אבער אין די אלע טעג וואס ער האט געוואלט שעלטן האט דער אייבישטער זיך נישט גערעגט, כדי אז בלעם זאל נישט קענען שעלטן ח"ו. האט דער מיטעלע רב געזאגט, אז דער טעם פארוואס דער אייבישטער רעגט זיך יעדן טאג, איז ווייל דורך דעם כעס האבן מיר א כח זיך צו אויפרעגן און זיך שלאגן מיט'ן יצר הרע. און דאס איז דער טעם פארוואס די אידן האבן געזינדיגט נאך די מעשה פון בלעם, וויבאלד דער אייבישטער האט זיך נישט גערעגט אין יענע טעג, האבן די אידן נישט געהאט קיין כח זיך צו שלאגן מיט'ן יצר הרע, און נאר ווען פינחס האט זיך אויפגערעגט אויף זמרי, האט ער משפיע געווען א כח פאר די אידן זיך צו קענען שלאגן מיט'ן יצר הרע, און דאס מיינט דער פסוק: "בקנאו את קנאתי", און רש"י טייטשט: "בקצפו את הקצף שהיה לי לקצוף" - פינחס האט זיך גערעגט מיט זיינע אייגענע כוחות די כעס וואס דער אייבישטער האט זיך געדארפט רעגן (עכדה"ק).

דער טעם פארוואס מען באקומט נישט קיין שכר אויף די וועלט, ווייל יעדע מצוה וואס מיר טוען - איז נאר מיט דער כח פון דער אייבישטער, אזוויי דער **מדרש** זאגט (ויק"ר כז, ג), אז דער אייבישטער געבט ערשט פאר א מענטש א שטוב - קען ער לייגן א מזוזה און א מעקה, דער אייבישטער געבט איהם א בגד - קען ער לייגן ציצית, דער אייבישטער געבט איהם געלט - קען ער קויפן א לולב; אבער פינחס האט דא מקיים געווען א מצוה מיט זיין אייגענע כח, ער האט זיך גערעגט כאטש דער אייבישטער האט זיך נישט גערעגט, דערפאר איז "בדין הוא שיטול שכרו". (קידושא רבה תשכח)

### אויך נאכדעם וואס מען האט געזינדיגט ח"ו - זאל מען זיך נישט מייאש זיין!

**וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה לֵּאמֹר, צָרוֹר אֶת הַמִּדְיָנִים וְהִכִּיתֶם אוֹתָם, כִּי צֹרְרִים הֵם לָכֶם בְּנִכְלֵיהֶם אֲשֶׁר נִכְּלוּ לָכֶם עַל דְּבַר פְּעוֹר וגו'** (כו, טז-יח).

מען דארף פארשטיין פארוואס האט די תורה געהייסן אז מען דארף פיינט האבן די מדינים, עס וואלט געווען גענוג צו הייסן אז מען דארף זיי הרג'ענען? אויך דארף מען פארשטיין, פארוואס שטייט די מצוה דא אין פרשת פינחס, גלייך נאך די מעשה פון פינחס און זמרי, עס וואלט געדארפט שטיין אין פרשת מטות, ווען די אידן זענען ארויס געגאנגען מלחמה האלטן מיט די מדינים?

נאר נאכדעם וואס די אידן האבן נעבעך געזינדיגט ביי די מעשה פון בעל-פעור, זענען זיי געווען שטארק צובראכן ביי זיך, און דער יצר הרע איז געקומען און זיי געזאגט: "אוי, איר האט אזויפיל געזינדיגט, איר קענט שוין נישט תשובה טון, און ממילא דארפט איר זיך שוין נישט אכטונג געבן פון די מדינים און זייערע שלעכט'ס, ווייל ממילא זענט איר שוין פארפאלן...", דערפאר האט זיי די תורה גלייך געזאגט: חס ושלום! א איד טאר זיך קיינמאל נישט מייאש זיין! עס איז קיינמאל נישט פארפאלן! אפילו אויב מען האט געזינדיגט, קען מען אלעמאל תשובה טון, און ממילא דארף מען זיך ווייטער היטן פון די רשעים, און דינען דעם אייבערשטן מיט ריינע און הייליגע מחשבות.

דערפאר שטייט דא אין פסוק, גלייך נאך די מעשה פון פינחס: **"צרור את המדינים"**, מען דארף פיינט האבן די מדינים און זייערע שלעכט'ס, אזוויי **דער הייליגע פריערדיגע רב זי"ע** האט געזאגט בשם **הרה"ק רבי פינחס פון קאריץ זי"ע**, אז די עצה נישט צו געשטרויכלט ווערן מיט שלעכטע מחשבות, איז דורך דעם וואס מען האט פיינט דאס שלעכט'ס, - ווייל אפילו מען האט געזינדיגט דאך דארף מען זיך ווייטער שטארקן און זיך היטן פון דער יצר הרע, און זיך נישט מייאש זיין ח"ו. (סעודה ב' תשכו)

### יעדע דור דארף האבן זיין מנהיג

**יִפְקֹד ה' אֱלֹהֵי הָרוּחֹת לְכָל בָּשָׂר אִישׁ עַל הָעֵדָה וגו', צַו אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם אֶת קָרְבָּנִי לַחְמִי לְאִשַּׁי וגו'** (כז, טז - כח, ב).

מען קען ערקלערן די שייכות צווישן די צוויי פרשיות - אויפנעמען א מנהיג פאר די אידן און די קרבנות פון די ימים טובים, אזוי: משה רבינו האט געבעטן אז דער אייבישטער זאל אויפנעמען א מנהיג, וואלט איהם דער אייבישטער געקענט ענטפערן, אז אויך ווען דער צדיק איז אויף יענע וועלט קען ער זיין א מנהיג פאר די אידן אויף די וועלט, און אויב אזוי קען משה רבינו ווייטער זיין א מנהיג פאר די אידן אויך ווען ער וועט שוין זיין אויף יענע וועלט. אבער דער אמת איז נישט אזוי, כאטש א צדיק וואס איז שוין אויף יענע וועלט האט אויך א שייכות צו די וועלט, קען ער אבער נישט זיין א מנהיג ישראל, ווייל יעדע דור דארף האבן זיין מנהיג, און דער מנהיג דארף זיין א מענטש פון דער דור, אזוויי עס שטייט אין **גמרא** (ר"ה כה, ב): "ירובעל בדורו כמשה בדורו, יפתח בדורו כשמואל בדורו".

און דעם ענין זעהן מיר אויך ביי די קרבנות, אז יעדע יום טוב האט זיך זיין ספעציעלע סארט קרבן, און אזוי אויך דארף אין יעדע דור זיין א מנהיג וואס פאסט פאר יענע דור. כאטש משה רבינו איז געווען גרעסער פון יהושע, אזוויי **חז"ל** זאגן: "פני משה כפני חמה, פני יהושע כפני לבנה" (ב"ב עה, א), פונדעסטוועגן דארף יעדע דור האבן זיין מנהיג, דער דור המדבר האט געפאסט צו משה רבינו, און דער דור אין ארץ ישראל האט געפאסט צו יהושע בן נון. (סעודה ב' תשסח)

### מקריב זיין דער 'תמיד' דורכ'ן לערנען די פרשה - אזוויי 'נעשה ונשמע'

**צַו אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם אֶת קָרְבָּנִי לַחְמִי לְאִשַּׁי רֵיחַ נִיחֹחִי תִּשְׁמְרוּ לְהַקְרִיב לִי בְּמוֹעֲדוֹ, וגו', עֹלַת תָּמִיד הָעֲשֻׂיָה בְּהַר סִינַי לְרֵיחַ נִיחֹחַ אִשֶּׁה לַה'** (כח, ב-ו).

**חז"ל** זאגן (תענית כז, ב), אז די קרבנות זענען מכפר אויף די עבירות, און אין די צייטן וואס מיר האבן נישט קיין בית המקדש - דורך דעם וואס מיר זאגן די פרשה פון די קרבנות, ווערט דאס גערעכנט אזוויי מיר האבן זיי מקריב געווען, און דער אייבישטער איז אויך מוחל אלע עבירות.

דער יסוד פון דעם ענין איז געווען בשעת מתן תורה, וואס דעמאלטס האבן די אידן געזאגט (שמות כד, ז): "כל אשר דבר ה' נעשה ונשמע", און **דער הייליגע פריערדיגע רב זי"ע** האט ערקלערט די כוונה דערפון: **"נעשה"** - מיר וועלן מקיים זיין בפועל די מצוות וואס מיר קענען מקיים זיין, **"ונשמע"** - די מצוות וואס מען קען נישט מקיים זיין בפועל, וועלן מיר עוסק זיין אין זייערע פסוקים און אין זייערע הלכות, און דורך דעם וועט ווערן גערעכנט כאילו מיר האבן זיי מקיים געווען בפועל.

דאס זאגט דער פסוק: **"צו את בני ישראל ואמרת אליהם את קרבני לחמי לאשי"**, דאס גייט ארויף אויף דאס וואס מען איז מקריב די 'תמידים' אין בית המקדש בפועל ממש, **"ואמרת להם זה האשה אשר תקריבו לה'"**, דאס גייט ארויף אויף דער צווייטע אופן פון מקריב זיין די 'תמידים' - דורך זאגן די פסוקים פון די פרשה, און דורך דעם איז דאס **"עולה תמיד"**, אפילו ווען עס איז נישט דא קיין בית המקדש. און דער פסוק ערקלערט: **"את הכבש אחד"** - די ערשטע אופן פון דער תמיד, "תעשה בבוקר" - איז ווען עס איז דא א בית המקדש, וואס דאס איז א בחינה פון טאג, "ואת הכבש השני" - די צווייטע אופן פון מקריב זיין דער תמיד, **"תעשה בין הערבים"**, אין גלות וואס איז א בחינה פון נאכט.

און דער פסוק לייגט צו: **"עולת תמיד"**, דער ענין פון מקריב זיין די קרבנות דורכ'ן לערנען די פרשה, **"העשויה בהר סיני"**, דאס נעמט זיך פון דער בארג סיני, וואס דארטן האבן די אידן געזאגט "נעשה ונשמע". (סעודה ג' תשלח)

## א געדאנק
אויף ענינא דיומא

### מיר בעטן אז מיר זאלן זוכה זיין אין גלות צו מעין פון די גאולה – כדי מיר זאלן קענען ריכטיג דאווענען אויף די גאולה השלימה

עס שטייט אין "**קדושת לוי**" (ליקוטים), אז עס איז דא צוויי מדריגות אין די עבודה פון זיך מתאבל זיין אויפ'ן חורבן בית המקדש: דער פשוט'ע וועג איז, אז מען טראכט אריין אז ווען דער בית המקדש איז געשטאנען און די אידן האבן געוואוינט אין ארץ ישראל, זענען מיר געווען אין א געוואלדיגע גוטע מצב, מיר האבן געהאט אלעס גוט'ס בגשמיות, און יעצט זענען מיר נעבעך אין אזא נידריגע מצב.

דערנאך איז דא א העכערע מדריגה, אז מען טראכט אריין אז אין דער צייט וואס מיר האבן געהאט דער בית המקדש, זענען מיר געווען נאנט צום אייבערשטן און מיר האבן געקענט דינען דעם אייבערשטן אויף זייער א הויכע מדריגה, אבער יעצט זענען מיר ליידער זייער ווייט פון דער באשעפער.

פארשטייט זיך, אז דער עיקר איז אז מען זאל קלאגן אויפ'ן חורבן אזויווי די העכערע מדריגה. אבער ווילאנג מיר זענען אזוי פארפלאגט אין די פינסטערע גלות, איז זייער שווער צו צוקומען צו די מדריגה, ווייל די קאפ איז דאך פארנומען מיט די טאג-טעגליכע פראבלעמען. די עצה דערצו איז, אז מען זאל בעטן דעם אייבערשטן, אז ער זאל אוועק נעמען פון אונז די שווערע עול הגלות און אלע טירדות וואס מוטשען אונז, און אזוי וועלן מיר קענען וויינען אויף די רוחניות'דיגע גלות.

עס איז באקאנט וואס **דער הייליגע ערשטע רב זי"ע** האט געזאגט, אז מיר בעטן אז נאך אין גלות זאלן מיר שוין זוכה זיין צו א 'מעין' פון די גאולה העתידה, אזויווי עס איז מרומז אין די תפילה וואס מיר זאגן ערב שבת: "ושויתי ה' לקראתי שתרחמני **עוד בגלותי לגאלני**". לויט וואס מיר האבן געזאגט קען מען צולייגן, אז דערפאר בעטן מיר אז מיר זאלן שוין זוכה זיין אין גלות צו די השפעות פון די גאולה, כדי מיר זאלן קענען ריכטיג דאווענען אויף די גאולה, און דאס איז מרומז אין די ווערטער וואס מיר זאגן ווייטער: **"לעורר לבי לאהבתך... ואתפלל כדת כראוי וכנכון"** - אז מיר וועלן זוכה זיין צו די גוטע השפעות אין גלות, וועלן מיר קענען ריכטיג דאווענען אויף די גאולה, אזויווי די העכערע מדריגה - וויינען אויף די חורבן ברוחניות, און בעטן אז מיר זאלן שוין זוכה זיין צו די גאולה השלימה אז מיר זאלן קענען דינען דעם אייבערשטן בשלימות.

(סעודה ג' תשלז)

## משלי קודש
אויף פרשת השבוע

### דער אייבישטער באצאלט שכר אויך אויף דאס וואס מען ברענגט אראפ גוטע השפעות פאר די גאנצע וועלט

**פִּינְחָס בֶּן אֶלְעָזָר בֶּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן הֵשִׁיב אֶת חֲמָתִי מֵעַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּקַנְאוֹ אֶת קִנְאָתִי בְּתוֹכָם וְלֹא כִלִּיתִי אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּקִנְאָתִי, לָכֵן אֱמֹר הִנְנִי נֹתֵן לוֹ אֶת בְּרִיתִי שָׁלוֹם** (כה, יא-יב).

די משנה זאגט אין מסכת אבות (ב, טז): **"אִם לָמַדְתָּ תוֹרָה הַרְבֵּה נוֹתְנִים לְךָ שָׂכָר הַרְבֵּה, וְנֶאֱמָן הוּא בַּעַל מְלַאכְתְּךָ שֶׁיְּשַׁלֶּם לְךָ שְׂכַר פְּעֻלָּתֶךָ"**. - לכאורה דארף מען פארשטיין וואס די משנה זאגט 'נאמן הוא בעל מלאכתך שישלם לך שכר פעולתך', פארשטייט זיך אז אויב מען באקומט שכר אויף לימוד תורה - וועט דאס דער אייבישטער באצאלן?

דער הייליגע **'ישמח משה' זי"ע** ערקלערט די משנה מיט א שיינע משל:

עס איז געווען אמאל א 'פאכמאן' וואס איז געווען א מומחה אין אויסארבעטן שיינע שטיינער און דיאמאנטן, און ער פלעגט מאכן פאר דער קעניג הערליכע כלים, און אזוי ארום איז ער במשך די צייט געווארן זייער נאנט צום קעניג. איין טאג, האט איינע פון די קרובים פון דער 'פאכמאן' געזינדיגט פאר דער קעניג, און דער קעניג האט איהם געוואלט שטארק שטראפן. איז דער קרוב געקומען צו דער פאכמאן אין איהם געבעטן אז ער זאל גיין צום קעניג און איהם בעטן אז ער זאל רחמנות האבן אויף זיין קרוב און איהם נישט שטראפן.

אויב דער קעניג וועט אננעמען זיין בקשה און מוותר זיין פאר זיין קרוב, כאטש דער קעניג באצאלט פאר דער פאכמאן אויף זיין ארבעט און ער וועט איהם מסתמא נישט 'אראפרעכענען' פון זיין געהאלט צוליב דער טובה וואס ער האט איהם געטון, אבער דאס איז זיכער אז דער קעניג וועט נישט 'באצאלן' קיין שכר פאר דער 'פאכמאן' אויף דאס וואס ער האט איהם געבעטן אז ער זאל מוחל זיין פאר זיין קרוב.

א איד וואס זיצט און לערנט די הייליגע תורה, ווערט זייער נאנט צום אייבערשטן, אזויווי דער 'פאכמאן' וואס דרייט זיך אין דער קעניג'ס פאלאץ, און מיט דער כח פון זיין תורה איז ער משפיע אלע גוטע ברכות פאר די גאנצע וועלט ברוחניות ובגשמיות. לויט די משל וואס מיר האבן דערציילט וואלט מען געקענט מיינען, אז די הנהגה פון דער אייבישטער איז אזויווי ביי א קעניג, און א תלמיד חכם וואס זיצט און לערנט, כאטש ער באקומט אסאך שכר אויף די תורה וואס ער לערנט, אבער דאס וואס ער ברענגט אראפ גוטע השפעות פאר די גאנצע וועלט - אויף דעם קומט זיך איהם נישט קיין שום שכר. אבער דער אמת איז נישט אזוי, א איד וואס זיצט און לערנט תורה, באקומט נישט שכר נאר אויף די עצם לערנען, נאר אויך אויף דאס וואס ער האט אראפ געברענגט גוטע השפעות פאר די גאנצע וועלט.

און דאס מיינט די משנה צו זאגן: **"ונאמן הוא בעל מלאכתך שישלם לך שכר פעולתך"**, נישט נאר אויף די תורה וואס דו האסט געלערנט וועסטו באקומען שכר, נאר אויך אויף 'שכר פעולתך', די גוטע השפעות וואס דו האסט גורם געווען פאר די גאנצע וועלט דורך דיין לערנען, אויף דעם וועט מען דיר אויך געבן שכר.

און דאס איז אויך געווען ביי פנחס בן אלעזר; ער האט נישט באקומען שכר נאר אויף די מצוה וואס ער האט געטון, אז ער האט גע'הרג'עט זמרי בן סלוא און כזבי בת צור, נאר אויך אויף די גוטע תוצאות וואס איז ארויסגעקומען דערפון, אז ער האט אפגעשטעלט די מגיפה פון די אידן, אויך אויף דעם האט ער באקומען שכר. (קידושא רבה תשסג)

*

### פארוואס וועט דער אייבישטער שטראפן די גוים אויף די עבירות פון די אידן?

מיר זאגן אין די הפטורה: **כֹּה אָמַר ה' זָכַרְתִּי לָךְ חֶסֶד נְעוּרַיִךְ אַהֲבַת כְּלוּלֹתָיִךְ לֶכְתֵּךְ אַחֲרַי בַּמִּדְבָּר בְּאֶרֶץ לֹא זְרוּעָה, קֹדֶשׁ יִשְׂרָאֵל לַה' רֵאשִׁית תְּבוּאָתֹה, כָּל אֹכְלָיו יֶאְשָׁמוּ רָעָה תָּבֹא אֲלֵיהֶם נְאֻם ה'** (ירמיה ב, ב-ג).

**דער דובנא'ער מגיד זצ"ל** ערקלערט די פסוקים מיט א משל צו א ווארילע און ערליכע בחור, א זיהן פון א חשוב'ע רב, וואס איז געווען אויסגעצייכנט מיט אלע גוטע מעלות און מידות, און אויך א גרויסע תלמיד חכם. ווען עס איז געקומען די צייט, האט ער חתונה געהאט מיט די טאכטער פון א דארפסמאן א גרויסע עושר.

דער איידים איז געגאנגען וואוינען אין דער דארף נעבן זיין שווער, און צוביסלעך האט ער זיך צוגעוואוינט צו די לעבן פון די מענטשן פון דער דארף, ער האט שוין נישט געלערנט אזויווי אמאל, און אויך זיינע גוטע מידות האט ער נאכגעלאזט. איז דער מחותן דער דארפסמאן געגאנגען צו דער טאטע פון דער חתן, און זיך באקלאגט פאר איהם אז זיין זיהן איז נישט די זעלבע וואס ער איז געווען, ער האט איהם גענומען אלס גרויסע למדן און מופלג בתורה, און יעצט איז ער שוין נישט אזוי ספעציעל... האט איהם דער טאטע פון דער חתן געענטפערט: "פארוואס האסטו טענות צו מיר? כל זמן ער האט געוואוינט ביי מיר אין שטוב איז ער באמת געווען א בחור כליל המעלות והמידות, עס מוז זיין אז דו ביזט שולדיג אין דעם, און מיין זיהן האט זיך אפגעלערנט פון דיין התנהגות...".

דער נביא זאגט אונז דא, אז לעתיד לבוא וועט דער אייבישטער שטראפן די גוים אויך אויף די עבירות וואס די אידן האבן געטון אין גלות. און ווען די גוים וועלן פרעגן: "וואס זענען מיר שולדיג אז די אידן האבן געזינדיגט?", וועט זיי דער אייבישטער ענטפערן: **"זכרתי לך חסד נעוריך אהבת כלולותיך לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה"**, איך געדענק נאך אז ווען די אידן זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים זענען זיי געווען ממש כליל המעלות, **"קודש ישראל לה' ראשית תבואתו"**; און נאר יעצט ווען זיי זענען געגאנגען אין גלות און זיי האבן געוואוינט צווישן די גוים, זענען זיי צוגעקומען צו זינדיגן, קומט אויס אז די גוים זענען שולדיג אין דעם, דערפאר וועלן זיי געשטראפט ווערן דערויף - **"כל אוכליו יאשמו רעה תבוא אליהם"**. (קידושא רבה תשסג)


תודתינו והוקרתינו נתונה לידידינו שתרמו מהונם להצלחת הוצאת גליון זה

וקראת לשבת עונג: בשב"ק אחה"צ לומדים בבית המדרש ולא בבית! בתי מדרשות ממוזגים ומוארים, חברותות ושיעורי תורה מחכים לך בכל בתי המדרשות!

הרה"ח ר' **פנחס גליק** שליט"א
לונדון
לרגל שמחת הבר מצוה
לבנו הבה"ח **דוד** נ"ו
במזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת

הרה"ח ר' **מאיר דוב** בהגרי"צ **רכניצר** שליט"א
לונדון
לרגל שמחת הבר מצוה
לבנו הבה"ח **ישעי' נפתלי** נ"ו
במזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת

הרה"ח ר' **משה אהרן בערגער** שליט"א
מאנסי
לרגל שמחת הולדת בנו
במז"ט ובשעטו"מ

הרה"ח **אברהם משה גאנצפריעד** שליט"א
לעיקוואד
לרגל שמחת הולדת בנו
במז"ט ובשעטו"מ